„Radomer-Kielcer Leben" 24 (314) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" VII-טער יאהרגאנג פרייז 25 גראשען

# ראדאמער-קעלצער לעבן

היינט 8 זייטען.

Radom, Piątek 20 Czerwca 1930 r.

ראדאם, פרייטאג כ״ד סיון תר״צ

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען - פרייז:
אין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
 " " " אין " 60 "
 " " " נאכ׳ן " 25 "
די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאלטען
8 שפאלטען
אין טעקסט 4 "

Naszemu przyjacielowi
**Pinkusowi Ajzenbergowi**
z intencji jego zaręczyn
z p. **Manią Fiszmanówną**
składają serdeczne Mazel-Tow
*M. Wajnsztokowie*

דער פאמיליע זילבערבערג
צו דער פערלאבונג פון זייער טאכטער
זשוטא מיט ה׳ אברהם טיבערג
ווינשט דעם פאטער פיעל נחת און דעם פערלאבטען
פארל א גליקליכע צוקונפט.
פאמיליע בלאטמאן.

Mania Fiszmanówna Kielce
Pinkus Ajzenberg Kielce
**Zaręczeni**
w Czerwcu 1930 r.

צוליעב דער האכצייט פון דער פרל׳
חיה ענאך מיט ה׳ ש. לאנדאו
דריקען מיר אויס אונזער ראט-מיטגליר
דעם ה׳ יוסף ענאך הערצליכע גליקוואונשען
און דעם יונגען פאר א גליקליכע צוקונפט.
ראט און פערוואלטונג
פון דער פאלקס-באנק אין קעלץ.

Z intencji zaręczyn naszego długoletniego
kierownika p. **Pinkusa Ajzenberga**
z p. **Manią Fiszmanówną**
składają serdeczne życzenia
*Zajączkowscy.*

מזל - טוב דיר אונזער זוהן, ברודער
און שוואגער פנחס
צו דיין פערלאבונג מיט פרי׳ מאניע פישמאן
מיר זאלען פון אייך פיל נחת האבען.
מוטער, שוועסטער, ברידערן, שוואגער עט שוועגערין
אייזענבערג.

## דאנקזאגונג.

דערמיט דריקען מיר אוי״ס אונזער הערצליכסטן דאנק די ראדאמער לאנדסלייט אין באלטימארע, פאר זייער פעראינטערעסירען זיך מיט דעם אנשטאלט „חנוך ילדים". פאר וועלכע זיי האבען בעת דער ענטהילונג פון דער מצבה פון זייער חבר און לאנדסמאן

**ר׳ אלי רושמאן** אין באלטימארע—געשפענדעט 30 דאלאר.

בעזונדערס דאנקען מיר די חשוב׳ע ראדאמער לאנדסלייט די ה״ה:

**בנימין פרידמאן** און **לייבטשע גראספעלד** פאר זייער ער-האבענע איניציאטיוו פון גריגדען א שטענדיגע הילפס-ארגאניזאציע מיט׳ן צוועק צו העלפען די ראדאמער פילאנטראפישע אינסטיטוציעס.

גלייכצייטיג דאנקען מיר דעם ראדאמער לאנדסמאן ה׳ **מ. ח. גראספעלד** און ה׳ **ב. האנצבערג**, וואס ביי׳ם איבערגעבען די 30 דאלאר פון די ראדאמער לאנדסלייט אין באלטימארע, האבען זיי געשפענדעט בעזונדערע סומען לטובת דער אינסטיטוציע. ה׳ גראספעלד האט אויפן נאמען פון זיין מוטער געשפענדעט 100 זל. און ה׳ האנסבערג צוליב דער פערלאבונג פון זיין טאכטער — 50 זל. און א חוץ דעם האט ה׳ האנסבערג זיך דריימאליג געהעכערט זיין פרייוויליגען מאנאטליכען שטייער לטובת „חינוך ילדים".

**די פערוואלטונג פון „חינוך-ילדים" אין ראדאם.**

GARBATKA
**Pensjonat L. ROSENBERGOWEJ**
DLA DZIECI i MŁODZIEŻY
został z dniem 20 maja r. b. o t w a r t y
*Rytynowana freblanka*
**Kuchnia zdrowa i rytualna**

## בעקאנטמאכונג.

די דירעקצ׳ע פון **מענער-גימנאזיום** פון די יודישע קהלה אין קעלץ, מאכט בעקאנט דאס די

**עקזאמענס** פאר נייע שילער אויפ׳ן יאהר 1930/31 וועלען פארקומען ביז דעם 28/6 איינשליסליך.

איינשרייבונגען מיט בירגערליכע געבורט׳ס-מעטריקעס, ביז יעצטיגע שול-צייגנישען און אימפונגס בעשייניגונגען, נעמט אן די קאנצעלאריע פון גימנאזיום סעמינארסקא 24 אין די אמט-שעה׳ן.

דירעקטאר
(—) **דר. פויער.**

## בלייבט געזונד

פאר׳ן אפפאהרען פון פוילען געזעגען איך זיך מיט מיין גאנצע פאמיליע און פריינדע.

**ליא וועבער.**

## בלייבט געזונד

צוליב מיין אפפאהר געזעגען איך זיך מיט די ג׳ פערוואלטונג פון „לינת-הצדק" און בעזונדער מיט׳ן ג׳ פרעזעס ד״ר צינג.

פאר צייטווייליג איבעררייסען די ארבייט שפענדע איך א טאג דאקטוירים און מעדיצינען לטובת ארימע קראנקע.

פערוו.-מיטגליד י. רייך.

## וויכטיג פאר ראדאמער!

גיט איבער אייערע פריינד און בעקאנטע אז די בעסטע און געזיכערסטע **מיטאגען** בעקומט מען **לובעלסקי 2 (וואלאווא 1)** אין האטעל קופיעצקי ביי א. מענטליס

בערייטענדע הנחות פאר ראדאמער.




רעטען, געהייסען שטעלען די טייערסטע ווינען און כסדר פערבעטען די כלה צום טאנצען. ער האט מיט איהר געטאנצט די מאדערנסטע שווערסטע טענץ, די מאדערנסטע פיגורען — אבער גארנישט צו דערקענען און אפילו נישט צו באמערקען. זיין כלה טאנצט פלינק, יעדער באוועגונג איז ווי אויסגעמאסטען, יעדער טריט איז רימעניש צוגעפאסט צו יעדען טאקט פון דער מוזיק, פון אלע טישלעך קוקט מען אויף איהר און מען באוואונדערט איהר טאנצע. און איינעגע טענץ טאנצירט זי זאגאר מיט די פראפעסיאנעלע פארטנערינס פון קאבארעט.

אונזער ראדאמער יונגערמאן וועט אבער נאך פון דער אלעם נישט גרינגער איבער'ן הארץ. ער וויל זיך מיט איינעם העזוד איבערצייגען. זיצט ער מיט זיין כלה שעה'ען לאנג ביחידות און איהר מיידעלשע צייט פעטער, אט, אז וויל ער איהר ארומנעמען און אנריהרען דעם „פערדעכטיגען" פיס, אבער נישט צו וויסען פון וואס ווערט ער צוריקגעהאלטען און פארלירט דעם גאנצען מוטה דאס צוטוהן. פון די הערליכע קלוגע אויגען פון זיין כלה, פון איהר פרעכטיגע אלאבאסטער־פנים און בכלל פון איהר גאנצער חוכמה'דיגער, מאיעסטעטישער פיגור שלאגט עפעס אזא איינגעאייטעמטער חן ארויס, וואס מען מיט אזא שפאלצע מילדקייט און דרך־ארץ, אז ער ווערט אזוי ווי פערהיפנאטיזירט און מ'דאכט זיך איהם, אז מיט א נעהנטערע בעריהרונג, וואלט ער זי בעליידיגט און גלייכצייטיג פערשוואכט זייער ליעבע. אזוי האט ער אפשר שוין צום צעהנטען מאהל בעשלאסען צו באריהרען איהר פיס, צי ער איז טאקי א [illegible]. אבער ער קען נישט. ער איז נישט דרייסט, ער האט נישט קיין מוטה.

ער האט געפיהרט מיט זיך א אינערליכען קאמפף און נישט וויסענדיג ווי אזוי צו האנדלען אין דעם פאל. ענדליך האט ער זיך מישב געווען און זיך געווענדעט צו הרב קעסטענבערג, פאר וועמען ער האט זיך פערטרויט און דערצעהלט די גאנצע געשיכטע. הרב קעסטענבערג האט איהם געעצה'ט, נישט צו זיין שעמעוודיג, נאר גאנץ דרייסט ערקלערען דער כלה אלץ וואס עס דריקט איהם אונטער'ן הארץ. בכדי צו פערמיידען שפעטערדיגע מיספערשטענדנישען איז געווינשען אין אזא פאל צו האנדלען אפענהערציג און קלאר.

מיט צוויי וואכען שפעטער איז דאס פארל געקומען צו הרב קעסטענבערג.

אין א באזונדערען צימער ביי פערמאכטע טהירען האט דאס מיידעל אין א לענגערען געשפרעך איבערגעגעבען דעם רב, אז זי איז פשוט עוסויסט פון דעם פאקט, ווי אזוי אזא אינטימער ענין האט געקענט דערגעהן צו זייטיגע מענשען. מיט עטליכע יאהרען צוריק איז זי ארויסגעפאלען פון טראמוויי, פון וואגען מ'האט זי באלד אפגעפיהרט צום דאקטאר אין א קליניק, וואו מ'האט זי אפערירט אויף א פוס, וועלכער איז איסקורירט געווארען און נאר א גאנץ קליינער טייל איז קאמבינירט מיט גומי. דערפון האט קיינער ניט געוואוסט, אפילו איהרע נאהנטסטע. אויסער דער דאקטאר, וועלכער איז חוץ דעם, וואס ער איז פערבונדען מיט א שבועה נישט צו ענטדעקען די געהיימניסען פון זיינע פאציענטען — אויך דערצו א חירדיגער מענש און א עהרען־מאן.

אין דא יגען פערטרויאונגס־געשפרעך האט דאס מיידעל ערקלערט, אז נאכט דאס איז געווען די איינציגע סיבה,

און פערסמ'ט מיינע געפיהלען, איך בין געשטאנען ווי משוגע און ס'האט זיך מיר געדאכטען, אז דאס הער איך מיין אייגענעם קול און די פערצווייפעלטע געשרייען פון מיין פרוי און טעכטער, וואס ווערען אזוי געפייניגט, אדער אין בעסטען פאל, וועלען מיר אין נאך א פאר מינוט ארום פונקט אזוי געפייניגט ווערען.

די אפיצירען, וואס זענען באלד דערנאך אריינגעקומען צולויפען ווי די ווילדע רויב חיות, האבען געקלאפט אין די פלייצעס פון די ציוישעטע זעלנער: בראהא, רעביאטא, מאלאדצי, ניש־קשה, איהר זענט מבינים אויף די זשידאוועסקע קראסאוויצעס, ברענגט נאך, וועט איהר אויך בעקומען א פארציע א לעב אויטהאן — און צו זיי אפיצירען, וואס האבען אונז געהיטען האבען זיי אויסגעשטשירעט שניידענדיגע ווייסע צייהן ווי די מעסערס און געריסען מיט זייער הייזעריקע פערשכור'טע העלדזער:

א נו, וואס שטעהט איהר ווי די אידיאטען? וואסער היט איהר אייך? מ'האט שטעהן נעבען זיך אזעלכע זשידאווסקע קראסאוויצעס און גארנישט שעמען מיגט איהר אייך! נעמט אייך צו דער ארבייט און טרייבערט זיי א מארדע, פיהרט זיי אהער דא צו אונז, אין יענעם צימער, נו סקאריעע. —

דאס האבען זיי אנגעוויזען אויף מיינע צוויי טעכטער, אז מ'ברויך מיט זיי טוהן דאס זעלבע, וואס מיט יענע יודישע מיידלעך און פרויען, וואס מ'האט דארט אין סוף קארידאר אריינגעפאקט, וואו מ'טהוט זיי אן אונמענשליכע צרות, פייניגונגען און בושות.

די אפיצירלעך, וואס האבען אונז געהיטען האבען אויפגעריסען די קעפ, זייערע שווייסיגע פנים'ער האבען זיך אנגעבלאזען מיט א שטראם בלוט און רויטע רוגזה. א ווילדע רציחה און בעסטיאלע תאוה האט זיך אנגעצינדען אין זייערע קעצישע, גרינע אויגען. ווי איין מאן האבען זיי אלע אויסגעשריגען: ריכטיג, ריכטיג, גערעכט קאלעגען — אין איך איין אויגענבליק האבען זיי שוין געהאלטען מיינע צוויי טעכטער ארומגעצערעט אין זייערע אָרעמ'ס און געלאפען מיט זיי [illegible] אין יענעם צימער אריין, וואו מ'האט געפייניגט און פערגוואלדיגט איינער נאך דער צווייטער די נאך וואס געבראכטע יודישע מיידלעך און פרויען.

איך האב געמאכט א גרויס געוואלד, אבער מ'האט מיר דערלאנגט איבער'ן קאפ מיט אזעלכע קלעפ, אז איך בין גלייך אנידערגעפאלען און ווען מ'האט מיך געהאט [illegible], האב איך געזעהן, אז איך געפין זיך אין א גרויס צימער, אין דעם זעלבען, וואו מיין פרוי איז געווען און ביי מיר שטעהען ארום א גאנצע מחנה אפיצירען, צווישען זיי מיין פרוי און א עלטערער מיליטער־מאן זידעלט די זעלבע אפיצירען, וואס האבען אונז ארעסטירט, פאר וואס זיי ברענגען אונז אין דער צייט ווען מיר זענען רוסען, אכת'ע פראוואסלאוונע מענשען.

די אפיצירלעך פערענטפערען זיך און ווייזען אן אויף די חומשים, סדורים און טלית און תפילין, וואס זיי האלטען אין די הענד און דערצעהלען, אז דאס האבען זיי געפינען ביי מיר. דער עלטערער חבר, אין העמדן, נאך מיין גוט איינקוקען זיך אין איהם און נאכדעם ווי איך בין געקומען צום בעוואוסטזיין, איך האב דערקענט, אז דאס איז דער געוועזענער ראדאמער פולקאווניק־זשאנדאמעריע — שרייט אן אויף זיי, אז דאס איז נישט קיין בעווייז; אז איך בין טאקע געהען א יוד, נאר איך האב זיך געשמד'ט און, אז ער גאראנטירט פאר אונז, אז מיר זענען ריכטיגע רוסען.

אין צימער ווערט שטיל, די אפיצירען ענטשולדיגען זיך. אבער דער פולקאווניק הערט נישט אויף צו שוי־

# קעלצער אבטיילונג.

## אין א קריסטליכען פינדעל-הויז אין קעלץ ווערען די קינדער שטארק געשלאגען.

אויף דער לעצטער זיצונג פון שטאט-ראט, דאנערשטאג דעם 12-טען ה. מ., האבען א טייל ראטמענער אריינגעטראגען א אינטערפעלאציע וועגען דעם, אז אין קריסטליכען פינדעל-הויז א. נ. „שוו. טאמאש" ווערען די קינדער שטארק געשלאגען און אונגעוועהנליך שלעכט טראקטירט דורך די אנפיה-רערשאפט פון אנשטאלט.

ביוישען די ראטמענער האט די דאזיגע ידיעה ארויסגערופען שטארקע אויפרעגונג, און איינשטימיג איז אנגענומען געווארען דער פארשלאג צו בע-פעהלען דעם מאגיסטראט, ער זאל אנהויבען א באלדיגע אויספארשונג וועגען דער דאזיגער סקאנדאליעזער האנדלונג.

ווי מיר דערוויסען זיך אבער, איז דער דערמאנטער אנשטאלט גאר א פריוואטער אזוי, אז ס'איז צווייפעל-האפט, צי דעם מאגיסטראט וועט ער-לויבט ווערען צו קאנטראלירען איהר טעטיגקייט.

א גרויסע שמחה האט ארויסגערופען אין שטאט די ידיעה דאס אונזער גימנאזיע איז איבערגעגאנגען אין א העכערע קלאס אין בעקומען רעגירונגס רעכט אהן בעזאוועניען, וואס ס'ווייזט דאס די גימנאזיע שטעהט אין פעדאגא-גישען זין אויף די געהעריגער הויך.

•

די מאטורעלע עקזאמענס קומען פאר שוין דעם צווייטען טאג. פ זענען צוגעלאזט געווארען צו די מינדליכע עקזאמענס 17 אביטוריענטען. ביז צום שרייבען פון די שורות האבען פון 8 שילער — 7 בעקומען מאטורע.

די פראקוועק אויפ'ן נייעם שול-יאהר ווייזט זיך א גרויסע. אזוי, דאס די דירעקציע האלט געווען געצווינגען אבצוזאגען פון צו נעמען א טייל נייע שילער צוליב מאנגעל אין פלאץ. איז טאקע די דירעקציע מיט די פערוואל-טונג יעצט פערנומען מיט א פלאן דעם שול-בנין צו פערגרעסערען, כדי נישט צו מאכען קיין שוועריגקייטען און קענען אלע שילער צו נעמען.

לאמיר האפען דאס ס'וועט זיך גע-ליך איינגעבען צו קומען צו א אייגע-נעם בנין פאר די גימנאזיע, שוין הויך צייט דערצו.

•

## די „קרן-היסוד"-אקציע אין קעלץ.

במשך פון דער היינטיגער וואך איז ביי אונז אין שטאדט ווייטער פארטגע-זעצט געווארען די קרן היסוד-אקציע, וועלכע ווערט אנגעפיהרט מיט דער אונערמידליכער ארבייט פון די ה"ה: ישראל ריטאוו און ד"ר האנגמער.

ביז איצט איז שוין גיזאמעלט גע-ווארען א סומע פון 1500 דאלאר, וואס בעווייזט ביי דעם א צטיגען הערשענדען קריזיס א גאנץ שעהנער שטייער, ווייזט אויס, אז דאס נאציאנאלע יודישע קעלץ האט ענדליך אנגעהויבען פערשטעהען, אז דער בעסטער ענטפער אויף די אונאויפהערליכע גזירות און שיקאנעס אויף דעם אויפבוי פון אונזער לאנד— איז די ווייטערדיגע שטארקע אונטער-שטיצונג פאר די ציוניסטישע פאנדען

פיעל מיטגעווירקט צום ערפאלג פון דער אקציע האבען די דערמאנטע חשוב'ע געסט. עס איז צו האפען, אז ביז צום שליסען פון דער אקציע וועט נאך די סומע פיעל פערגרעסערט ווע-רען.

---

מען גיט אונז איבער, וועגען פאל-גענדען אונטאקטישען פאקט מיט א בעוויסען קעלצער יודישען גביר, כלל-טוער און פערשידענע יודישע אינ-סטיטוציעס, אלזא, דער דאזיגער תויכ-געשעצטער פערזאן האט מיט א יאהר צוריק דעקלארירט א געוויסע סומע פאר'ן קרן-היסוד, וועלט דאס טאקי גארנישט קיינעם געשאדט, און באמת, פארהאט נישט זיין צופרידען רערפונז איז אבער געשעהען איין „קליינינקייט" וואס האט פערשטערט די גאנצע שמחה, זיין האכהייט, דער נדבן, האט „פער-געסען" צו בעצאהלען די התחייבות...

היינטיגע וואך האבען 2 ציוניסטישע עסקנים בעזוכט דעם דערמאנטען גביר מיט'ן צוועק צי שאפען ביי איהם א נייע דעקלאראציע פאר'ן קה"י. זייער בעזוך האט אבער נישט געהאט דעם געהעריגען ערפאלג. די עסקנים האבען דאן געפאדערט פון איהם צו בעצאה-לען פאר דער פאראיאהריגער דעקלא-ראציע, און אויך דער פארשלאג האט נישט געהאט דעם ערפאלג.

ווען מען האט אט דעם „חשוב'ען" כלל-טוער געפרעגט איבער זיין מאד-נער האנדלונג, האט ער זיך פערענט-פערט. אז ער וויל נישט געבען קיין געלד צוליב דער מורא, אז עס זאל נישט אריינפאלען צו די אראבער...(זז)

## לייב קאמינער נ. ע.

דאנערשטאג דעם 30-טען מאי איז אין לאדז. נאך א קורצער קראנקהייט געשטארבען אין בליהענדען עלטער דער געוועזענער טעקרעטאר פון ק.ק.ל. קאמיטעט אין קעלץ ה' לייב קאמינער.

דער קעלצער נאציאנאלער יוגענד זענען די פערוויגטטען פאר די ציוניס-טישע ארבייט ביי אונז אין שטאדט גוט בעקאנט. פון זיין פריהסטער יו-גענד אן האט ער אנטייל גענומען אין אלע נאציאנאלע אקציעס און אויך געשטאנען א לענגערע צייט אין דער שפיץ פון דער ארגאניזאציע „החלוץ המזרחי".

זיין אנדענקען וועט שטענדיג בליי-בען אין זכרון!

ת. נ. צ. ב. ה.

## בלימעל-פערקויף פאר „החלוץ המזרחי".

פרייטאג איז פארגעקומען א בלי-מעל-פערקויף פאר רעליגיעזע איינ-וואנדערער קיין ארץ-ישראל. די הכנסה האט בעטראפען 172 זלאטעס 70 גראשען.

## גרויסע שריפה אין קעלץ.

### דער שאדען ווערט געשאצט אויף א האלבען מיליאן זלאטעס.

אין טארטאק פון דער וואלד-געזעל-שאפט אין קעלץ, וואס געהערט אלס אייגענטום צו בערהארד בוגאיער פון קעלץ, ישראל ראזענבערג פון יענד-זעיעוו און פעליקס זוך פון בענדין איז פאריגען זונטאג, וועקס אין דער פרי אויסגעבראכען א גרויסע שריפה, וועל-כע האט ארומגענומען מיט א געוואלדי-גע קראפט א טייל פון געהילץ און ברעטער, וואס האט זיך דארט געפי-נען. דאס פייער האט אויך בעדראהט דעם שכנות'דיגען טארטאק מיט דעם יאוין-בנין אויף סטאליארסקע גאס.8

אין דער רעטונג'ס-אקציע איינצו-לעשען דאס פייער האבען אנטייל גע-נומען די פייער-לעשער פון: ניעכוואַ-לאוו, ביאלאגאן, דימין, וואליצא, כענט-שין, סוכע ניעוו, סקארזשיסק, ווי אויך די באהן און מיליטערישע פייערלע-שער פון קעלץ.

לויט פראהיזארישע השערות ווערט דער שאדען געשאצט אויף א האלבען מיליאן זלאטעס. דער טארטאק איז געווען אסעקורירט אויף 25 טויזענד דאלאר.

## אויפמערקזאם אונזערע לעזערן

היינטיגען זונטאג דעם 22-טען ה. ח. קומט אונזער אינקאסענט קיין קעלץ מיר בעטען דעריבער אלע אונזערע ג. אבאנענטען און אנאנסען - געבער תיכף צו רעגולירען זייערע חובות, און נישט פערלאנגען דער אינקאסענט זאל קומען נאך אמאהל.

דערביי מאכען מיר אויפמערקזאם אונזערע ג' אבאנענטען, אז דאס מאהל קומט אונזער אינקאסענט איינמאהנען פאר צוויי מאנאטען.

אדמיניסטראציע
„ראד.-קעלצער לעבען".

## פון די יודישע גימנאזיע אין קעלץ.

די אקציע פון זאמלען א פאנד צום סאנירען די גימנאזיע, וואס איז אונ-טערגענומען געווארען מיט א פאר וואכען צוריק, הערט מיט ערפאלג פארט-געזעצט. דאס, וואס אין אזא שווערע צייט געפינט זיך כמעט נישט קיין איין יוד אין שטאט וואס זאל זיך אבזאגען מיט צו העלפען, גיט אריין מוט און ענערגיע די פערוואלטונג אין איהר שווערע ארבייט. ביז צו ענדע קור-יאהר פעלט דאך נאך איינינע טויזענד זלאטעס און די פערוואלטונג בוז טא-קע מאכען אלערליי אנשטרענגונגען, כדי דאס שול-יאהר גליקליך צו ענ-דיגען.

•

# LÓD SZTUCZNY

Rzeźnia Miejska rozwozi lód sztuczny

**Zgłoszenia**

na każdą ilość lodu kierować należy do Rzeźni Miejskiej, ulica Basenowa, telefon 562.


## צו דער יודישער בעפעלקערונג אין ראדאם.

שוין באלד דריי וואכען ווי די תלמוד - תורה איז געשלאסען. די מלמדים און אזוי די לעהרערס, וועלכע ס'קומט פענסיע פאר 5 חדשים האבען מעהר נישט געקענט אויסהאלטען און פערשטרייקט. בערך 400 יודישע קינדער, צום טייל פון נישט פערמעגליכע און זאגאר ארימע שיכטען, וואלגערען זיך ארום אויפ'ן ברוק אהן שום השגחה, אזוי ווי הפקר און בעקומען נישט קיין ערציהונג און נישט די נויטיגסטע יודישע לעהרע ווי עברי א. ז. וו. קיינער מאכט זיך נישט וויסען און קיינער פערטראכט זיך נישט וועגען דעם גורל פון די דאזיגע קליינע קינדער, וועלכע ווערען דעמאראליזירט און צולאזט.

בערך 11 טויזענד זל. איז די אלטע גמינע שולדיג געבליבען צו איהר סובסידיע, פאר דער תלמוד-תורה פאר'ן יאהר 1929. די נייע גמינע האט דעם קאמיטעט אויסגעצאהלט 6000 זל. אבער דאס אלץ קאן נישט דעקען די הוצאות און די חובות וואס האבען זיך אנגעזאמעלט ביז היינט. מיר אפעלירען צו דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג זי זאל זיך פעראינטערעסירען און זעהן מיט אלע כוחות די תלמוד תורה זאל ווי אמשנעלסטען געעפענט ווערען, אז הונדערטער ארימע קינדער זאלען האבען וואו אויסצולערנען זיך כאטש עברי און דאווענען.

**אלעזר הערבער, אפרים גאלדבערג, זיינוועל ליווערטאנט.**

## אויפקלערונג.

אין שייכות מיט דער ענטשולדיגונג פון ה' י. וויזענבערג אין נום. ראדאמער לעבען 313, ערקלער איך, אז נישט קוקענדיג אויף דער פארמעלער ענטשולדיגונג בין איך פע זענליך נישט מוחל דעם ה' וויזענבערג פאר זיין דייע נישט עטישע האנדלונג, אויב איך נעם עס אן אלס רעהאבילאטאציע טהו איך עס לטובת א יודישער ספארט-געזעלשאפט אין ראדאם.

**ש. בייטלער.**


צו דער האכצייט פון אייער ליעבע טאכטער

חעלע העניאך מיט ה' לאנדאו

ווינשען א הערצליכען מזל-טוב

פאמיליע ווינטרויב ראדאם.

— די — שענסטע **טאפעטען** צו זעהר ביליגע פרייזען קען מען נור בעקומען אין דער לאנג-יעהריגער פירמע

**ש. שטיינמאן**

ראדאם, ליובלינ. 21

Biuro Prośb i Podań

p. f. **„PROLITEX"**

RADOM, WAŁOWA 5, oficyna 1-sze piętro.

ZAŁATWIA:

Sprawy paszportowe<br>Mieszkaniowe<br>Wszelkie Tłomaczenie<br>i inne.

Redaguje Podania:

Do Władz Sądowych<br>Skarbowych<br>Administracyjnych<br>i Wojskowych

Windykacja należności w całej Polsce.

**Informacje o zdolności kredytowej.**

**Przepisywanie na maszynach.**

Biuro czynne: od godz. 9-ej rano do 7-ej wieczór

Kino dźwiękowe „ŚWIT"

Dziś i dni następnych

Rewelacyjny film p. t.

„Na zachód od Zanzibaru"

W roli głównej: LON CHANEY.

Nad program: Piękne dodatki dźwiękowe.

Wystrzegać się naśladownictw




o podobnym brzmieniu







Kino NOWE CZARY Teatr

Dziś i dn. następnych

2 superfilmy:

Miasto cudów

w rol. gł: Douglas Fairbanks.

CYRK

w rol. gł: Charli Chaplin.

Kino CORSO Teatr

Dziś i dni następnych

Ostatnie słowo polskiej techniki kinematograficznej

Tajemnica skrzynki pocztowej

w rol. gł: Marja Bogda, Jerzy Marr

Na scenie rewia w 7 obrazach

Bo najlepiej u nas w Corso

Kino ODEON Teatr

Od poniedz. dn. 16 Czerwca

Pierwszorzędny film p. t.

Ostatni Rozkaz

W roli głów. największy tragik ekranu

Emil Jsnings

Nadprogram film polski p. t.

Martwy Węzeł

w roli głównej: K. Junosza-Stępowski

פעלדשער ה. גרינשטיין, ראדאם, לובעלסקא 30. פרייזען מעסיגע.


Redaktor Ch. M Herc

Drukarnia Wyd. „Radomer-Kielcer Leben" Radom, Sawarlikowska 20.